# הליכות החיים

פסח | שנת תשפ"ד לפ"ק | גליון תנ"ו

בס"ד ע"י

הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א

מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל



**גליון זה נתנדב**

לרגל יומי דהילולא של

**כבוד קדושת מרן אדמו"ר בעל אמרי חיים זצוקללה"ה - ט' ניסן**

**וכבוד קדושת מרן אדמו"ר בעל תורת מרדכי זצוקלה"ה - כ"ט אדר**

**זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

הונצחו ע"י ידידנו הרבני הנדיב הנכבד מגדולי תומכי מכון הליכות החיים בכל עת ועונה במסירות נאמנה בלב ונפש

**הרה"ח ר' אברהם הערש זילבער הי"ו**

**יה"ר שימליצו טוב בעדו ובעד משפחתו שיחיו לזכות לחג כשר ושמח עם כל השפעות טובות בגו"ר וכל טוב סלה**


## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (יג)

### אויב מען איז שטארק הונגעריג אנהייב סדר

**שאלה: איך גיי צו מיין שווער אויפ'ן סדר, און עס קומען אהין נאך זין און איידעמער, און עס נעמט לאנג ביז מען הייבט אן דעם סדר און ביז מען קומט אן צו "שולחן עורך", און איך ווער שטארק הונגעריג. צי קען איך עפעס טועם זיין נאך קידוש?**

**תשובה:** אויב אויב איז מען שטארק הונגעריג, אזוי עס נעמט אוועק די רואיגקייט פון זאגן די הגדה ווי מ'דארף, קען מען טועם זיין א שטיקל פיש אדער פלייש[1], אבער מען זאל נישט עסן צופיל, כדי מען זאל עסן די מצה צו דער זעט, און מען זאל אכטונג געבן צו מאכן "בורא נפשות"[2] פאר'ן מאכן די ברכה אויפ'ן שטיקל "כרפס"[3].

### טרינקען נאך דעם ערשטן כוס

**שאלה: איינער וואס ווערט אפט דארשטיג, צי מעג ער טרינקען וואסער א.ד.ג. צווישן דעם ערשטן כוס און דער צווייטער?**

**תשובה:** אויב עס פעלט אויס, קען ער טרינקען, און ער זאל אינזין האבן פאר'ן טרינקען דעם ערשטן כוס, אז אויב ער וועט וועלן דערנאך טרינקען, זאל די ברכה גע'פטר'ט ווערן מיט דער ברכה "הגפן" וואס ער מאכט אויפ'ן ערשטן כוס. און מ'דארף נישט מאכן דערנאך בורא נפשות, ווייל ס'ווערט גע'פטר'ט מיט'ן "על הגפן" נאכ'ן פערטן כוס[4].

### אן אנדער מצה פאר אפיקומן

**שאלה: אויב מען כאפט אוועק דעם אפיקומן און מען בעט א טייערע מתנה, און עס איז שווער צוליב דעם צו פארהאנדלען אינמיטן סדר, צי קען מען נעמען אן אנדער מצה אנשטאט דעם שטיקל וואס מען האט אוועקגעלייגט ביי "יחץ"?**

**תשובה:** מען קען נעמען אן אנדער שטיקל מצה פאר אפיקומן[5].

עס דארף אנגעמערקט ווערן וואס די פוסקים זענען מעורר, אכטונג צו געבן אויף כיבוד אב ביים מנהג פון אוועקכאפן דעם אפיקומן, ד.ה. נישט בעטן פונעם טאטן א גרעסערע מתנה און אים דערמיט אויפהאלטן און גורם זיין צער ח"ו, וואס איז אסור.

1. עי' שו"ת שבט הלוי (ח"ט סי' קיח) דלטעום אחרי שכבר התחיל ההגדה נכון להחמיר כדעות האוסרים, אם לא כשקשה לו מאד. אבל אחרי כוס ראשון שפיר דמי במי שהרעבון יפריע לו באמירת ההגדה, כדעת החק יעקב ופר"ח ושו"ע הרב. 2. כמבואר בפוסקים כי רק בכרפס כיון שבא לפטור המרור אין מברכים אחריה, אבל בשאר אכילות צריך לברך אחריהן מחמת ההפסק הארוך עד לסעודה. ושיאכל מאכלים קלים כגון ביצה וכדו' ולא דברים הסותמים את התיאבון. 3. שהרי על הכרפס אין מברכים ברכה אחרונה, ויכנס בספק ברכה ראשונה על המרור. 4. ראה בתשובה הקודמת. וכמבואר בשועה"ר סי' תעג סעיף יב, שאם בשעה שבירך על כוס הראשון או השני היה דעתו לשתות עוד יין אחר כך בתוך הסעודה או קודם הסעודה אין צריך לברך על מה שרוצה לשתות, ושם סעיף יא שגם לא יברך אחריו ברכה אחרונה. ואם יעבור שיעור עיכול יברך בורא נפשות, עי' פסק"ת אות י. 5. עיין בשו"ע סי' תעז

## א חסד פאר יענעם
## א חסד פאר זיך

עס דערציילט א חשוב'ער מגיד שיעור:

די פאלגנדע מעשה האב איך געהערט פון אן אור-אור אייניקל פונעם "חפץ חיים" זצ"ל.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, האט דער חפץ חיים אנגעפירט די ישיבה אין דער שטאט ראדין. ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן, האט מען געדארפט מאכן א גורל'דיגן באשלוס, צי די ישיבה זאל בלייבן ווייטער אפן טראץ די שווערע אומשטענדן און געפארן, אדער מען זאל פארמאכן די ישיבה און אנטליפן פון שטאט מיט די תלמידים.

דער ראש ישיבה האט באשלאסן צו מאכן דעם "גורל הגר"א". מען האט געעפנט א חומש, און עס האט זיך אויפגעמישט ביי די פסוקים אין פרשת וישלח וואו עס רעדט זיך פון יעקב אבינו, וואס ער האט געהערט אז עשיו קומט אים אנטקעגן, און ער האט מורא געהאט פאר א מלחמה, האט ער צעטיילט די מענטשן און די בהמות אין צוויי לאגערן, אז אויב עשיו וועט קומען און באפאלן איין לאגער, וועט דער אנדערער לאגער זיך ראטעווען.

האבנדיג די אנטשיידונג צו דער פראגע, איז דער ראש ישיבה געגאנגען דאס איבערגעבן פאר'ן חפץ חיים, אבער נאך איידער ער האט געקענט דערציילן וועגן דעם אויסגאנג פונעם גורל וואס ער האט געמאכט, האט זיך דער חפץ חיים אנגערופן צו אים און געזאגט: "איך ווייס שוין וואס מיר האבן צו טון. מיר וועלן 'צעטיילן דעם לאגער', פונקט ווי יעקב אבינו..."

דער ראש ישיבה איז געווען ערשטוינט און האט זיך אנגערופן, "דאס איז דאך גענוי וואס איך האב געטראפן אין פסוק ביים מאכן דעם 'גורל הגר"א'!"

דער חפץ חיים האט טאקע אזוי געטון און האט צעטיילט די תלמידים פון דער ישיבה אין צוויי גרופעס. איין העלפט פון די תלמידים זענען געבליבן אין דער ישיבה אין ראדין, און די אנדערע העלפט, און צווישן זיי אויך דער חפץ חיים אליין, האבן פארלאזט די שטאט. אין זייער אנטלויף-וועג, זענען דער חפץ חיים מיט די תלמידים אנגעקומען צו א שטאט זימיאַטש. דער חפץ חיים איז איינגעשטאנען דארט אין דער שטוב פון משפחת איידלשטיין. דאס זענען געווען די עלטערן פונעם פאניעוועזשער ראש ישיבה הגאון רבי גרשון איידלשטיין זצ"ל, וועלכער איז דעמאלט נאך געווען א קינד.

דער חפץ חיים האט זיך אויפגעהאלטן צוזאמען מיט די בחורים דארט אין שטאט במשך פון עטליכע

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (יג)


**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת הרבני הנעלה
הרה"ח ר' **אברהם גדלי'** ב"ר
**יושע דוב** ע"ה **איילבוים**

יארצייט ביום כ"ה ניסן - יהא זכרו ברוך

הונצח ע"י בנו גיסי היקר
**הרה"ח ר' אהרן חנוך העניך שליט"א**


### דער מנהג צו כאפן דעם אפיקומן איז נאר פאר קלענערע

**שאלה: וואס איז דער טעם וואס איז איינגעפירט אין פיל פלעצער אוועקצוכאפן דעם אפיקומן? און צי גייט דאס אן אויך פאר גרעסערע קינדער?**

**תשובה:** דער טעם פון דעם מנהג איז, כדי אז די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן, אבער פאר גרעסערע קינדער וואס זענען שוין אליין מחוייב במצוות און אכטונג געבן נישט איינצושלאפן, גייט נישט אן דער מנהג[6].

### ערוואקסענע קינדער וואס בעטן א טייערן אפיקומן

**שאלה: אין די פארגאנגענע יארן האבן אויך מיינע חתונה-געהאטע קינדער אנגעהויבן אוועקכאפן דעם אפיקומן, און פאראיארן האבן זיי געבעטן טייערע געשאנקען און איך האב צוגעזאגט עס צו געבן נישט וועלנדיג אריינגיין אין וויכוחים. צי דארף איך האלטן ווארט און עס זיי געבן?**

**תשובה:** אויב האט מען צוגעזאגט א טייערע זאך, דארף מען עס נישט געבן, אבער אויב מען האט צוגעזאגט א קליינע זאך דארף מען עס געבן. וואס עס הייסט א קליינע אדער גרויסע זאך, דאס ווענדט זיך אין דער מעגליכקייט פונעם טאטן. אויב לויט זיינע מעגליכקייטן און לויט וויפיל ער טיילט געווענליך, איז דאס א קליינע זאך, דארף ער עס געבן, און אויב עס הייסט א גרויסע זאך דארף ער עס נישט געבן[7].

עס דארף ווערן אנגעמערקט, אז דאס איז נאר בדיעבד אויב דער טאטע האט שוין צוגעזאגט, און דערנאך האט ער זיך בארעכנט. אבער ער טאר נישט צוזאגן מיט דער דעת נישט צו איינהאלטן דאס וואס ער זאגט צו.[8]

### א טייערן ספר פאר אפיקומן פון מעשר

**שאלה: מיין זון איז, ברוך ה', א גרויסער מתמיד און האט ליב צו לערנען, און ער האט מיר שוין מודיע געווען אז ער וויל פאר אפיקומן א קליינעם ש"ס כדי צו קענען איבער'חזר'ן אסאך בלעטער גמרא שנלערהייט. איך בין יעצט אביסל געדריקט אין געלט. צי מעג איך אים קויפן דעם ש"ס מיט מעשר-געלט?**

**תשובה:** אויב מען וויל קויפן ספרים פאר זיך, זאל מען נישט קויפן מיט מעשר-געלט, אבער אין דעם פאל, וואס עס איז א צורך מצוה אז דער זון זאל קענען לערנען דערין, און דער זון אליין האט דאך נישט קיין געלט, קען מען מקיל זיין ווען עס קומט אן שווער צו קויפן מיט'ן אייגענעם געלט[9].

### א יאר וואס מ'קען זיך נישט פירן מיט אלע חומרות

**שאלה: מיין בני-בית תחי' האט געהאט א געזונטהייט-פראבלעם און מיר עסן נישט דעם יאר פסח אינדערהיים, נאר ביי מיין איידעם, וואס האט נישט די זעלבע חומרות און מנהגים ווי איך. צי דארף איך זיך מתיר נדר זיין צו קענען עסן ביי אים אין שטוב?**

**תשובה:** ווען איינער איז מקבל אויף זיך א גוטן מנהג און ער האט נישט געזאגט אז עס זאל זיין "בלי נדר", דארף ער זיך מתיר נדר זיין. דערפאר זאל מען לכתחלה זיך מתיר נדר זיין פאר דריי מענטשן, וואס פאר איינעם פון זיי זאל מען ערקלערן פארוואס דעם יאר איז עס שווער, און די דריי זאלן זאגן דריי מאל "מותר לך".

אויב עס איז שווער, קען מען מקיל זיין, אויב מען האט בדעה זיך צו פירן ווייטער ווי ביז היינט נאר דעם יאר קומט עס אן שווער, און מען קען זיך פארלאזן אויף די וואס האלטן אז אין אזא פאל דארף מען זיך נישט מתיר זיין[10].

### אנגרייטן די סעודה עטליכע שעה פריער

**שאלה: עס קומט אויס גרינגער ביי מיר אין שטוב אנצוגרייטן ביינאכט - אדער באלד צופרי פאר'ן גיין אין שול דאווענען - עסצייג און געשיר אויף דער סעודה פון צופרי. צי מעג מען דאס טון, אדער עס איז אסור צוליב "בורר" (אויסקלויבן) וויבאלד מען קלויבט אויס דאס עסצייג אד"ג?**

**תשובה:** שבת איז אסור צוצוגרייטן א לאנגע צייט פאר'ן עסן צוליב "בורר", אויב די פארשידענע

⮜

בסוף דברי הרמ"א, שאם נאבד האפיקומן יאכל כזית אחד ממצה שמורה אחרת. ובלבוש, שכל מצות שלנו בחזקת שימור הן וכולן ראוין לאפיקומן. וכתב בשועה"ר שיכול ליקח בכה"ג בין שלימה בין שבורה. וכל זה באין לו ברירה אחרת, וכמ"ש בשאלת רב להגרח"ק שיקחהו ממנו בכח. **6.** מקורו בגמ' פסחים (קט.) חוטפין מצות בלילי פסחים, שלפי כמה ראשונים הכוונה שחוטפין וגוזלין זה מיד זה. וכן כתב במקור חיים לחוות יאיר. ובחק יעקב (תעב, ב) כתב הטעם כדי שייראו התינוקות וישאלו. אמנם יש שלא נהגו כן כדי שלא להרגיל הילדים לגניבה, מקור חיים שם ועוד, וכן משום שמירת המצה כראוי. ועי' קובץ עץ חיים - לג, עמ' שצו ואילך בירור ארוך ויפה. **7.** כמבואר בשו"ע חו"מ סי' רד סעיף ח', מי שאומר לחבירו ליתן לו מתנה, ולא נתן, הרי זה ממחוסרי אמנה. במה דברים אמורים במתנה מועטת, שהרי סמכה דעתו של מקבל כשהבטיחו. אבל במתנה מרובה אין בה חסרון אמנה שהרי לא האמין זה שיתן לו דברים אלו עד שיקנה אותו בדברים שהם נקנים בהם. וכעי"ז חזר המחבר וכתב בסימן רמא, ועיין שם בסמ"ע סק"ד אם הטעם הוא שהנותן לא היתה דעתו ליתנה לו, או שהמקבל לא סמך שיקבל. **8.** כמבואר בשו"ע חו"מ סי' א סעיף ב', ובאמר"י שם, באם הבטיח לו שאסור לחזור באופן שהמקבל סומך דעתו. **9.** נחלקו בזה האחרונים, דברמ"א יו"ד סימן רמט בתחילתו הביא ממהרי"ל שאין לעשות ממעשר כספים שארי מצוות אלא יתנו לעניים, אמנם בש"ך סק"ג הביא דברי המעיל צדק שכתב, דכל מצוה שתבא לידו וכו' וכן לקנות ספרים ללמוד בהם ולהשאילן לאחרים ללמוד בהם 'אם לא היה היכולת בידו ולא היה עושה אותה מצוה, יכול לקנות מן המעשר'. וכן נקט המהרש"ל בהגהות לטור סי' רמז, ובשל"ה ודרישה. ולכן בשעת הדחק בוודאי יכול לסמוך על זה, כ"ש כשהוא לחזק בנו שרוצה הש"ס כדי ללמוד בהם ולא רק למלא את ארון הספרים. **10.** כ"ה שי' הדגול מרבבה (יו"ד סי' ריד) שנחלק בזה על

## המשך

חדשים. איין טאג, זייענדיג אין זיין אכסניא, האט דער חפץ חיים געהערט ווי א פרוי שרייט קולות אינדרויסן. ער איז געגאנגען קוקן וואס עס האט פאסירט און האט געזען ווי דער ראש ישיבה שטייט דארט, און א פרוי, אן אלמנה, בעט זיך ביי אים אז ער זאל אריינעמען איר זון אין דער ישיבה. דער ראש ישיבה פרובירט איר ערקלערן אז די ישיבה איז געמאכט פאר ערוואקסענע בחורים און נישט פאר איר זון, וואס איז א אינגל פון קוים 10-11 יאר אלט, אבער די פרוי עקשנ'ט זיך און בעט ווייטער: "איך בין זייער באזארגט. איך האב נישט קיין מאן, און איך ווייס נישט וואס עס וועט זיין מיט'ן אינגל. עס איז מלחמה-צייט. איך וויל אז ער זאל אריינגיין אין דער ישיבה, און דאס וועט זיין פאר אים דאס בעסטע ארט. איר וועט זיך אומקוקן אויף אים, און ער וועט קענען דארט לערנען און וואקסן."

"עס טוט מיר לייד," ענטפערט דער ראש ישיבה, "אבער אויב איך וויל רחמנות האבן אויף אייך, איז דאס בעסטע דווקא נישט אריינצונעמען דעם אינגל אין דער ישיבה. עס איז נישט דאס ריכטיגע פלאץ פאר אים. מיר וואלטן זייער געוואלט אייך צוליב טון, נאר עס איז פאר דער טובה פון אייער קינד אז ער זאל נישט אריינקומען אין דער ישיבה."

זעענדיג דעם גאנצן טומל, האט דער חפץ חיים געפרעגט פונעם ראש ישיבה וואס עס קומט פאר, האט דער ראש ישיבה אים דערציילט. רופט זיך אן דער חפץ חיים: "איך פארשטיי נישט. איר האט רחמנות אויפ'ן קינד מער ווי זיין אייגענע מאמע? זיין מאמע זאגט אז עס איז גוט פאר אים אריינצוקומען אין דער ישיבה, און איר זאגט אז עס איז נישט קיין טובה פאר אים?... איך וועל אים אריינעמען אין דער ישיבה," האט דער חפץ חיים געזאגט, "און איך נעם אויף מיר זיך אומצוקוקן און זארגן פאר דעם יתום."

דער אינגל איז אריינגענומען געווארן אין דער ישיבה. עטליכע וואכן שפעטער, איז ער ל"ע קראנק געווארן אויף טיפוס, ה"י. מען האט אים גענומען אין שפיטאל, און דער חפץ חיים האט געהייסן זיין טאכטער, פייגא ע"ה, אז זי זאל מיטגיין און זיך אומקוקן און היטן אויפ'ן קינד די גאנצע צייט וואס ער וועט זיין אין שפיטאל. אינצווישן האט דער חפץ חיים מיט דער ישיבה זיך אוועקגעצויגן פון דער שטאט, און זיין טאכטער איז געבליבן דארט אליין מיט'ן יתום און פארברענגט מיט אים במשך פון די קומענדיגע דריי חדשים אין שפיטאל. דורך דער גאנצער צייט, האט זי געזארגט פאר אלע זיינע געברויכן, און ביים ענד פון דריי חדשים האט זיך דער אינגל ערהאלט און געקומען צו די כוחות. צוביסלעך איז דער אינגל אויפגעוואקסן, און דאן האט ער באשלאסן אז ער וויל נישט צוריקגיין צו דער ישיבה פון חפץ חיים, ער וויל גיין אין אן אנדער ישיבה. ער איז געגאנגען לערנען אין דער סלאבאדקער ישיבה.

שטעלט אייך פאר: דער חפץ חיים האט זיך אוועקגעגעבן פאר דעם אינגל, אים אריינגענומען אין זיין ישיבה און איבערגעלאזט זיין טאכטער אין שטאט צו זיין מיט אים אין שפיטאל און זארגן פאר אים אינמיטן ברען פון א וועלט-קריג. און נאך דעם אלעם גייט דער בחור אוועק צו אן אנדער ישיבה!

**מדור זה נתנדב**

לכבוד השמחה בבית חתני הנכבד
הרב **אברהם נפתלי גרינבלאט** הי"ו
באירוסי בנו הבחור החתן המהולל כמר **ברוך משה הלוי** נ"י
עב"ג **הכלה החשובה** תחי' בת מוה"ר
**יעקב יוסף ריכטער** הי"ו למז"ט בשעטומ"צ
יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג
ונחת דקדושה מכל יו"ח
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

סארטן עסצייג א.ד.ג. זענען אויסגעמישט, אדער מען גרייט אן פאר יעדן קינד זיין מצה-טאש א.ד.ג., און מען מעג עס אנגרייטן ערשט פון א האלבע שעה פאר די מענער קומען אהיים.

יום טוב איז די הלכה אנדערש, און א זאך וואס מען קען נישט טון פאר יום טוב מעג מען אויסקליבן אפילו אויב עס איז נישט נאענט צו דער סעודה. דערפאר מעג מען יום טוב אנגרייטן דעם טיש אפילו לאנג פאר דער סעודה, אויב מ'האט עס נישט געקענט טון פאר יום טוב[11].

## באשטעלן עפעס חול המועד אויף'ן טעלעפאן

**שאלה: צי מעג מען באשטעלן עפעס חול המועד אויף'ן טעלעפאן, אדער עס איז אסור אלס "מקח וממכר"?**

**תשובה:** חול המועד טאר מען נישט קויפן און פארקויפן, אויסער אויב עס איז לצורך יום טוב אדער א "דבר האבד", צ.ב.ש. עס איז דא א גרויסער סעיל וואס מאכט זיך נישט געווענליך[12].

אזוי אויך אויף'ן טעלעפאן טאר מען נישט קויפן און ענדיגן דעם מקח, ד.ה. דער קויפער גיט א קרעדיט-קארד נומער און מען שיקט אים ארויס דעם חפץ[13].

## איינקויפן חול המועד אויב מ'פארט צוריק נאך יו"ט

**שאלה: איך וואוין אין ארץ ישראל, און בין איך געקומען צו מיינע עלטערן קיין חוץ לארץ אויף יום טוב און כ'פאר צוריק באלד אסרו חג. איך דארף איינקויפן זאכן וואס מען קען קויפן נאר דא, אדער עס קאסט אין ארץ ישראל אסאך מער. צי מעג איך עס קויפן חול המועד?**

**תשובה:** אויב קען מען עס נישט טרעפן דארט, אדער אז דארט זענען די זאכן גאר טייער, און נאך יום טוב וועט נישט זיין קיין צייט עס צו קויפן, מעג מען עס קויפן חול המועד[14].

## זוכן א דירה חול המועד

**שאלה: איך זוך א דירה שוין א לענגערע צייט, און יעצט חול המועד האב איך אביסל מער צייט. צי מעג איך גיין קוקן דירות צו טרעפן א פאסיגע דירה?**

**תשובה:** אויב מען ענדיגט נישט דאס געשעפט חול המועד, נאר מען זעט בלויז די דירה, איז עס מותר, און מען מעג אויך פרעגן דעם בעל-הבית א פרייז אויף דער דירה און אפילו זאגן אז מען וויל עס אפשר דינגען אדער קויפן, ווייל חול המועד איז נישטא קיין איסור פון "ממצוא חפצך" און "ודבר דבר" אזוי ווי שבת[15]. מען טאר אבער נישט צוענדיגן מיט אים דאס געשעפט חול המועד.

## מצה מיט פוטער

**שאלה: די וואס זענען מקפיד אויף "געבראקטס", צי מעג מען אנשמירן פוטער אויף דער מצה, אדער עס הייסט "געבראקט"?**

**תשובה:** פוטער וואס האט נישט אין זיך קיין שום וואסער הייסט עס נישט "געבראקטס" אפילו ווען עס איז נאס[16].

## די ברכה אויף מצה מיט מילך

**שאלה: צי קען מען אריינלייגן מצה אין מילך, ווי די קינדער האבן ליב צו עסן, אדער עס הייסט "געבראקטס"? און וואס איז די ברכה דערויף?**

**תשובה:** אויב עס ליגט אפילו נאר אביסל וואסער אין דער מילך, הייסט עס ווי מען בראקט[17].

אויב די מילך איז נישט געמישט מיט קיין טראפן וואסער, איז עס נישט "געבראקטס"[18].

אויב מען עסט עס ווי דער געהעריגער סדר. ד.ה. מען לייגט עס אריין אין מילך, אדער מען גיסט

⮜

השׁ"ך, והעלה דבמקום חולי שרוצה להקל פעם אחת, יכול לסמוך ולעבור על חומרתו בלי התרה. וכן נקטו רוב גדולי הפוסקים, ועי' משנ"ב סי' תקפא ס"ק יט ובשעה"צ שם, וכמובא דבריהם באריכות, בספר כל נדרי (פרק י' סעיף ו', בהערה י). **11.** עי' או"ח סי' תקי סעיף ב', שבביה"ל ד"ה אם כתב שהמקיל בזה אפי' שאפשר לו להכן מערב יו"ט יש לו על מי לסמוך, אך בשועה"ר סעיף ה' החמיר בזה, וכדעת הטו"ז שם, ורק אם לא היה יכול לברור מעיו"ט, כגון אם נתערב הפסולת ביום טוב וכדו', אז מותר לברור ביום טוב. ובשועה"ר שם סעיף ג', שבורר בשחרית לאכול בין הערבים, ואע"פ שכיוצא בו בשבת חייב חטאת וכו', ובקונט"א שם כיון דמלאכת אוכל נפש הותרה לגמרי אין צריך להמתין עד סמוך לסעודה, יעו"ש. וכזה הוא המציאות בנידון דידן. **12.** או"ח סי' תקלט, סעיף א': כל סחורה אסורה, אפילו כל שהוא, בין לקנות בין למכור וכו'. וברמ"א: מיהו אם מזדמן לו ריוח מרובה במועד, יכול למכור בצינעה; ויוציא לשמחת יום טוב יותר ממה שהיה דעתו להוציא. **13.** כן דקדקו האחרונים מלשון 'אפילו כל שהוא' שכתב המחבר, והרי רק בריווח מרובה התיר הרמ"א 'בצינעה'. וכ"ה בפסקי הגר"נ קרליץ ובעל משנה הלכות מאונגוואר זצ"ל. **14.** עיין כעי"ז בסי' תקל"ט סעיף ה', אך זהו רק בשעת הדחק גדול כבפנים, וכמו שכתוב בשמירת שבת כהלכתה ח"ב פרק סז, הערה קמו בשם האגרות משה שאם יכול להישאר שם עוד יום ולקנותו אחר המועד, צריך לקנותו אז. **15.** כ"ה בשש"כ פרק סח הערה קב בשם הגרש"ז אויערבאך זצ"ל, מהא דסי' תקמג סעיף ג', שמותר למסור מלאכה אפי' לישראל לעשותו אחר המועד. וכ"כ בשו"ת שבט הקהתי ח"ד סי' קמו, לענין הרוצה לעשות פלא"ן היאך לבנות דירתו, שמותר לילך בחוה"מ לסייר בביתו שהוא באמצע הבני'. **16.** עי' חק יעקב סי' תמב סק"א דחמאה דינו כמי פירות שאין מחמיץ, וכ"כ בשו"ת שבט הקהתי (ח"ד סי' קלב) להתיר, ושאין לחוש למעט מים שיש בו מתולדתו. ובענין לצאת בכך ידי חובתו, עי' שו"ת מקדש ישראל פסח סי' שצו. **17.** אך בכמה חצרות חסידים הקילו בגעבראקט"ס לקטנים, עי' שו"ת קנין תורה בהלכה ח"ב סי' פ' שכן מנהג פולין, וכן נהגו בסקווירא. **18.** כן הורה במפורש הגרמ"א פריינד זצ"ל, עי' ספר מרא דשמעתתא הלכות פסח אות קצב בפרטות. ושם שיתן להם בכלים מיוחדים, ושאין לחשוש גם בחלב שלנו שאולי אצל הפירמ"ע נתערב בו מים. **19.** כמבואר בשו"ע או"ח סי' קסח סעיף יא ויב, שרק בשרוי זמן רב נשתנה ברכתו ל'מזונות' [ובמג"א סק"ל הקשה מסי' תסא, שיוצא אדם במצה שרויה והוא שלא נימוחה, ומשמע אע"פ ששרויה הרבה, והעלה דהתם

אין דער סלאבאדקער ישיבה, האט ער זיך אויסגעצייכנט אלס גרויסער מתמיד און איז געשטיגן הויך אין תורה. ווען עס איז געקומען די צייט, האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פונעם סלאבאדקער ראש ישיבה אליין, הגאון רבי משה מרדכי אפשטיין זצ"ל.

יארן זענען זיך פארלאפן פון דעמאלט. די טאכטער פונעם חפץ חיים איז שוין געווען אן עלטערע פרוי אין אירע לעצטע יארן, און זי האט זיך אריינגעצויגן צו איר זון אין שטוב. איין טאג האט זי געשמועסט מיט איר שנור און איר דערציילט א מעשה: "אסאך יארן צוריק, אינמיטן דער ערשטער וועלט-מלחמה, האט מיין גרויסער טאטע דער חפץ חיים זצ"ל געדארפט אנטלויפן צו אן אנדער שטאט און ער האט זיך אופגעהאלטן דארט ביי דער איידלשטיין פאמיליע. איינמאל האט ער געהערט דארט ווי א פרוי שרייט אויף דער גאס. דאס איז געווען אן אלמנה, וואס האט געוואלט אז מען זאל אריינעמען איר אינגל אין מיין טאטנ'ס ישיבה. מיין טאטע האט אים אריינגענומען און געזארגט פאר אים, און ווען דאס קינד איז קראנק געווארן ל"ע בין איך מיטגעגאנגען מיט אים אין שפיטאל. איך בין געבליבן דארט דריי חדשים צייט און זיך אומגעקוקט און געזארגט פאר אים."

די שנור הערט די גאנצע געשיכטע און וואונדערט זיך. "נו, און וואס וויל די שוויגער מיט דעם אלעם דערציילן?!" זאגט די טאכטער פון חפץ חיים, "איך דערצייל דיר די מעשה, ווייל אט-דער אינגל - איז דיין טאטע!" די טאכטער פון דעם אמאליגן אינגל האט חתונה געהאט מיט'ן זון פונעם טאכטער פונעם חפץ חיים.

"איך האב זיך אפגעגעבן דעמאלט מיט אים דריי חדשים," האט זי ווייטער דערציילט. "איך האב געזארגט פאר אלע זיינע געברויכן, אים געהאלפן זיך ערנערן און ערהאלן, ביז ער איז צוריקגעקומען צו די כוחות. און דאן, נאך דעם אלעם, האט ער אונז איבערגעלאזט און אוועקגעגאנגען פון מיין טאטנ'ס ישיבה צו אן אנדער ישיבה...

"עס האט אויסגעזען ווי ער איז אוועקגעגאנגען..." האט זי אויסגעפירט, "אבער ארויסגעוויזן האט זיך גאר אנדערש. ער איז געווארן מיט אונז מחותנים. מיין זון איז געווארן ביי אים אן איידעם. דו ביסט היינט מיין שנור!"

דער אינגל פאר וועלכן דער חפץ חיים האט געזארגט איז שפעטער באקאנט געווארן ווי הגאון רבי משה חברוני זצ"ל, דער ראש ישיבה פון דער גרויסער חברון-ישיבה.

דער מגיד שיעור פירט אויס: די מעשה האב איך געהערט פון אן אייניקל פון דער טאכטער פונעם חפץ חיים. בשעת ער האט מיר דערציילט די מעשה, האב איך געטראכט צו זיך: אוי, געוואלד! אזויפיל לייד-און-פיין. דער חפץ חיים איז געצוואונגען אין מלחמה-צייט צו אנטלויפן מיט זיין ישיבה. ער קומט אן א פרעמדער שטאט, האלט זיך אויף ביי פרעמדע, און דא מוז ער אריננעמען צו זיך א יתום. דאס קינד ווערט ל"ע קראנק, און דער חפץ חיים מוז שוין ווייטער לויפן, און זיין טאכטער בלייבט איבער אליין

אריין מילך דערויף אינעם טעלער, און מען עסט עס באלד, מאכט מען "המוציא", כאטש יעדעס שטיקל איז קלענער ווי א כזית.

אויב מען האט אבער געלאזט ווייקן די מצה לאנג אין דער מילך, ביז עס האט אינגאנצן פארלוירן די צורה פון מצה, מאכט מען די ברכה "בורא מיני מזונות"[19].

## אויפלאזן עסן פאר'ן אנדערן טאג

**שאלה: מעג מען ארויסנעמען דעם ערשטן טאג יו"ט, קאמפאט פון פריזער אז עס זאל זיין אויפגעלאזט אויף דעם צווייטן טאג?**

**תשובה:** מ'זאל נישט טון אזוי צוליב "הכנה", ד.ה. מען טאר נישט אנגרייטן פון איין טאג יום טוב צום אנדערן, ווייל עס איז אן איבעריגע טירחא.

אויב מען וועט אבער ניצן אביסל דערפון היינט, איז עס מותר[20], און אויך מעג מען עסן אביסל היינט פאר דעם אליין אז עס זאל זיין מותר[21].

אנגרייטן אויפ'ן זעלבן טאג, צ.ב.ש. פון ביינאכט אויף דער סעודה פון בייטאג, איז אלעמאל מותר[22].

## אהיימנעמען עסן פון די עלטערן

**שאלה: מעג מען דעם ערשטן טאג יום טוב אהיימנעמען עסן פון די עלטערן אויפ'ן צווייטן טאג, צ.ב.ש. פאר דער סעודה פון ביינאכט אדער מארגן בייטאג, אדער עס איז אסור צוליב הכנה?**

**תשובה:** אויב מען דארף עס נאר אויפ'ן צווייטן טאג, איז עס אסור. אויב מען וויל אבער עסן דערפון אביסל היינט, איז עס מותר.

אזוי אויך מעג עסן אביסל היינט (צ.ב.ש. א שטיקל פיש, אפילו מען וואלט עס אנדערש נישט געגעסן) כדי צו קענען אהיימטראגן דאס גאנצע[23].

## ארייגלייגן אין זעלבן זעקל

**שאלה: איז דא אן עצה עס אהיימצונעמען אפילו אויב מען וועט עס נישט ניצן היינט?**

**תשובה:** אויב מען לייגט עס אריין אין זעלבן זעקל מיט עפעס וואס מען וועט יא ניצן היינט, צ.ב.ש. מען נעמט אהיים פלייש אויף מארגן און מען לייגט עס אין זעלבן זעקל מיט פיש וואס מען וועט עסן דערפון היינט, איז עס מותר[24].

## אויב עס איז נישטא קיין עירוב

אין א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב, זאל מען עס לכתחלה נישט אהיימנעמען אפילו אין זעלבן זעקל, אויסער אויב עס פעלט אויס שטארק, צ.ב.ש. די עלטערן וואוינען ווייט און עס איז א טירחא צוריקצוגיין, וואס דעמאלט קען מען מקיל זיין אויב מען נעמט עס אהיים אין זעלבן זעקל[25].

## אהיימנעמען דעם טלית אדער מחזור

**שאלה: אויב מען עסט ביי די עלטערן, מעג מען דערנאך אהיימנעמען דעם טלית, מחזור א.ד.ג. וואס מען וועט מער נישט ניצן אין זעלבן טאג?**

**תשובה:** עס איז מותר (אפילו נישט אין זעלבן זעקל מיט עפעס וואס מען וועט ניצן היינט), ווייל יעדע זאך וואס באלאנגט אין שטוב א.ד.ג. און מען לייגט עס צוריק אויפ'ן פלאץ וואו עס קומט, איז נישטא דערביי קיין איסור פון הכנה[26].

## אויב עס איז נישטא קיין עירוב

אין א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב, זאל מען עס לכתחלה נישט אהיימנעמען אויב מען וועט עס נישט ניצן היינט, נאר אויב עס פעלט אויס שטארק, צ.ב.ש. מען וואוינט ווייט פון די עלטערן און עס איז א טירחא צוריקצוגיין מארגן פאר'ן דאווענען עס נעמען, אדער עס וועט נישט זיין אפגעהיטן דארט א.ד.ג., וואס דעמאלט קען מען מקיל זיין עס אהיימצונעמען, און אויב מעגליך זאל מען עס לכתחלה נעמען אין זעלבן זעקל מיט עפעס וואס מען וועט יא ניצן היינט.

## אויב מ'האט געמאכט "בורא מיני מזונות" אויף פסח'דיגע געבעקסן

**שאלה: אויב האט מען בטעות געמאכט אויף די פסח'דיגע געבעקסן "בורא מיני מזונות" אנשטאט "שהכל", צי האט מען יוצא געווען?**

**תשובה:** מען האט יוצא געווען, וויבאלד יעדע זאך אויסער וואסער און זאלץ ווערט אויך גערעכנט ווי "מזון", ד.ה. עסן וואס שפייזט דעם גוף, אבער אויב מען האט ביי דער נאך-ברכה בטעות געמאכט "על המחי'" אנשטאט "בורא נפשות", האט מען נישט יוצא געווען[27].

מיט'ן קינד אין שפיטאל. נאך דעם אלעם, גייט גאר דער אינגל אוועק לערנען אין אן אנדער ישיבה. א קייט פון בלויז צרות עגמת נפש, קיין זאך גייט נישט גראד...

און וואס האט זיך צום סוף ארויסגעשטעלט? אז עס האט זיך אלעס געפירט אין ריכטיגן וועג. עס האט אזוי געמוזט זיין. די טאכטער פונעם אינגל האט חתונה געהאט מיט'ן אייניקל פונעם חפץ חיים, א זון פון דער פרוי וואס האט פאר אים אזוי געטריי געזארגט!

עס איז דאך יעצט דער יום טוב פסח, וואס ווערט אנגערופן אין די ספרים הקדושים דער "חג האמונה". מיר אלע האבן שוועריגקייטן, נסיונות, דורכפאלן און אנטוישונגען. דער אמת איז אבער, אז יעדע זאך האט א ציל און חשבון. דאס חזר'ן מיר אינעם 'ליל הסדר' אז אפילו דאס וואס זעט אויס ווי 'ליל' אז ס'איז טונקל, איז אויך 'הסדר' מיט א פונקטליכן חשבון און סדר. מען דארף קוקן אויפ'ן גוטס און טרעפן גוטס אין אלעם, און שטענדיג וויסן און געדענקען אז אלעס איז לטובה.

## וואס פארשטייען זיי צו א אידיש הארץ

עס איז ידוע וואס חז"ל דערציילן, אז ווען אידישע קינדער זענען געווען פארשקלאפט אונטער דער הערשאפט פון די מצריים, האבן זיי ארויסגעוויזן אן אחריות און זארג איינער פאר'ן צווייטן מיט מסירת נפש. נאכדעם וואס א איד האט געענדיגט זיין טעגליכע שווערע ארבעט און דער מצרי האט אים שוין ערלויבט צו גיין זיך אפרוען, איז ער ווייטער געבליבן אין פעלד כדי זיך אומצוקוקן וואס עס טוט זיך מיט זיינע אידישע ברודער וועלכע האבן נאכנישט באוויזן צו פארענדיגן די ארבעטס-נארמע, און זיי ארויסהעלפן אין דער שווערער ארבעט. ערשט ווען אלע זענען שוין געווען פארטיג מיט'ן עבודת פרך, איז יעדער אהיימגעגאנגען אינאיינעם.

דערציילט דער מדרש, אז ווען דער רבוש"ע האט צוגעזען דאס גרויסע רחמנות און חסד-געפיל וואס אידן האבן איינער צום אנדערן, האט ער געזאגט: דאס פאלק איז ווערט צו ווערן אויסגעלייזט פון מצרים.

וועגן דעם, ווי אזוי א אידיש הארץ ארבעט מיט געפיל פאר א צווייטן, דערציילט הרב דוד גאלדוואסער שליט"א אן אינטערסאנטע מעשה וואס איז געשען מיט אים אליין:

"ארומגייענדיג אין די תפיסות צו באזוכן אידן וועלכע זיצן נעבעך דארט אפ הינטער די גראטעס, איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן א אידישן ארעסטאנט, וועלכער איז ליידער פאראורטיילט געווארן צו א תפיסה-טערמין פון לאנגע יארן. פון צייט צו צייט בין איך נאכאמאל געגאנגען אים באזוכן, און דער איד האט ארויפגעלייגט מיין טעלעפאן-נומער אויפ'ן צעטל פון די וועם ער איז ערלויבט צו רופן איין מאל א וואך. ער פלעגט מיר טאקע רופן וועכנטליך, און איך פלעג פרובירן אים מחזק זיין.

יוצא רק בשרויה כזית שלם, דאל"ה אין לברך אחריו ברכת המזון]. משא"כ בלאו הכי אע"פ שהם חתיכות קטנות, ברכתו המוציא כמבואר שם סעיף י'. **20.** כמבואר בשו"ע או"ח סי' תקג, אסור לאפות או לבשל או לשחוט ביום טוב לצורך מחר כו'. אבל ממלאה אשה קדרה בשר אף על פי שאינה צריכה אלא לחתיכה אחת. וברמ"א: וכן יכולה לבשל הרבה קדרות ולאכול מכל אחת מעט. ובמשנ"ב סק"ו, דמ"מ תזהר שלא תאמר בפיה שמבשלת לצורך לילה, ומ"מ בדיעבד אינו נאסר עי"ז. **21.** עי' משנ"ב שם סק"ז שנחלקו בזה הפוסקים, ושהעולם נהגו להקל. **22.** כמבואר בהערה 10 שגם מותר לברור לצורך סעודה אחרת, דכל מלאכת אוכל נפש הותר לגמרי. **23.** כדלעיל בתשובה הקודמת. **24.** בסי' תקג שם, סעיף ב', ממלא נחתום חבית של מים אף על פי שאינו צריך אלא לקיתון אחד. וברמ"א: אבל צריך להשים הכל אצל האש בפעם אחת וכו'. ובמשנ"ב, דחד טרחא הוא, אבל היינו דוקא היכי דממלא פעם אחת מהדלי ולא פעמים רבות ע"י כלים. **25.** כבסי' תקג הנ"ל שכל מלאכה אסור לעשות ליו"ט שני. והיתר הנ"ל של 'ריבוי בשיעורים' נחלקו בזה הפוסקים אם נוהגת גם בהוצאה, דבאור שמח (הל' שבת, יח, א) כתב שאין בהוצאה היתרא דריבוי בשיעורים, ובמחנה ישראל להח"ח פרק לא נקט להיתר, וכ"כ באגרו"מ או"ח ב קג ובחוט שני פרק ו'. ועי' בספר יום טוב כהלכתו (ליברמן) במילואים סי' ז' בירור ארוך בזה. **26.** עי' בספרנו שנה ראשונה שער ד סי' ד. וכמו שכתב בעטרת זקנים סי' תקי"ח 'וכל דבר שהתירו להוציא ביום טוב התירו נמי להחזירו, שהתירו סופן משום תחילתן'. אך הרבה פוסקים מגבילים הדבר, שרק בטרחא גדולה הקילו בזה, או לצורך שמחת יו"ט, או שאם לא יתירו לו להחזירו ימנע מלהביאו לכתחילה והוא לו צורך יו"ט. עי' שו"ת ויברך דוד ח"א סי' ס' אריכות גדול בכל פרטי דין זה. **27.** נחלקו בזה האחרונים, עי' כף החיים סי' רב סק"ט. והרבה מהם נקטו להקל כמו שכתבנו בפנים, וכ"ה בביה"ל (קסז, ס"י. רח, ס"ז) וכ"ה בשו"ת אגר"מ (ח"ד סי' מ), ובשו"ת תשובות והנהגות ח"ה סימן ג'.

# הלכות חג בחג

## ספירת העומר / מוריד הטל ותן ברכה

**גליון המוגדל לחג הפסח נתנדב**

לזכר נשמת

**כבוד קדושת מרן הגה"ק בעל התורת מרדכי מוויזשניץ זצוק"ל**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד שזכה לשמשו במסירות נאמנה בכל לבו ונפשו

**הרה"ח ר' יעקב אהרן ווערצבערגער הי"ו**

**זכותו הגדול והקדוש יגן עליו לזכות לחג כשר ושמח עם כל השפעות טובות בגו"ר וכל טוב סלה**

### הלכות ספירת העומר

#### ציילן "ספירת העומר"

**א]** די צווייטע נאכט פסח הייבט מען אן ציילן ספירת העומר.

#### ציילן ספירה שטייענדיג

**ב]** מען דארף ציילן ספירה שטייענדיג, ווי מען לערנט ארויס פון "מהחל חרמש בקמה" (דברים טז, ט), וואס מען דרש'נט "בקומה" - שטייענדיג. אזוי אויך דארף מען מאכן די ברכה שטייענדיג, אזוי ווי ביי אלע ברכות המצוות. בדיעבד, אויב מען האט געציילט אדער געמאכט די ברכה זיצנדיג, האט מען יוצא געווען.

#### ציילן אויף אנדערע שפראכן

**ג]** מען מעג ציילן ספירה אויף יעדער שפראך וואס מען פארשטייט, אבער אויב מען פארשטייט נישט די שפראך האט מען נישט יוצא געווען אפילו ווען מען ציילט אויף לשון הקודש, ווייל דאס הייסט נישט געציילט, כאטש ביי אלע אנדערע ברכות איז מען יוצא אויף לשון הקודש.

#### פרויען זענען פטור פון ציילן

**ד]** פרויען זענען פטור פון ציילן ספירה, וויבאלד עס איז א מצוה וואס איז געבונדן צו א צייט, און אויך האבן די פרויען נישט מקבל געווען אויף זיך די מצוה פון ספירה העומר. אויב א פרוי ציילט יא, זענען דא וואס זאגן אז זי זאל נישט מאכן קיין ברכה, ווייל פרויען ווערן זיך אוודאי טועה זיין מיט איין טאג.[1]

#### מחנך זיין קינדער צו ציילן מיט א ברכה

**ה]** מען דארף מחנך זיין די קליינע אינגלעך צו ציילן מיט א ברכה, כאטש זיי ווערן אוודאי פארגעסן צו ציילן איין מאל. אויב דאס קינד האט שוין פארגעסן איין טאג צו ציילן, זאל ער ציילן די אנדערע טעג אָן א ברכה.

#### וויסן דעם טאג ביים מאכן די ברכה

**ו]** פאר'ן מאכן די ברכה, דארף מען לכתחלה וויסן וועלכן טאג מען ציילט, כדי מען זאל וויסן אויף וואס מען מאכט די ברכה. בדיעבד, אז מען האט אינזין געהאט ביים מאכן די ברכה אז מען וועט ציילן אזוי ווי מען הערט פון א צווייטן, האט מען יוצא געווען די ברכה, און אזוי אויך אויב מען האט געמיינט בשעת'ן מאכן די ברכה אז מען ציילט אן אנדערן טאג, האט מען יוצא געווען.

#### אויב מען האט פארגעסן צו ציילן

**ז]** אויב מען האט נישט געציילט ספירה ביים אנהייב נאכט, קען מען נאך ציילן א גאנצע נאכט. אויב מען האט נישט געציילט ביז נאכ'ן עלות השחר, זאל מען יענעם טאג ציילן אָן א ברכה, און די אנדערע טעג קען מען נאך ציילן מיט א ברכה.

**ח]** עס זענען דא וואס זאגן אז יעדן טאג פון ספירה איז א מצוה צו ציילן פאר זיך, און עס איז נישט געבונדן מיט'ן אנדערן טאג, און דערפאר אויב מען האט פארפעלט איין טאג קען מען נאך ציילן די איבעריגע טעג, אבער אנדערע האלטן אז עס דארפן זיין גאנצע זיבן וואכן, ווי אין פסוק שטייט (ויקרא כג, טו) "שבע שבתות תמימות תהיינה", און אז מען האט פארפעלט איין טאג איז עס מער נישט קיין גאנצע זיבן וואכן און דערפאר קען ער מער נישט ציילן. דערפאר זאל מען ציילן אָן ברכה, ווייל "ספק ברכות להקל".

**ט]** עס זענען דא וואס זאגן, אז אויב מען האט פארגעסן צו ציילן, זאל מען דעם אנדערן טאג זאגן "אתמול היה ... לעומר, היום הוא... לעומר" (נעכטן זענען געווען אזויפיל און אזויפיל טעג צום עומר, און היינט איז אזויפיל און אזויפיל צום עומר).[2]

◄

1. מ"ב ג' ובשו"ת אבני נזר סי' ש"ד דבזוה"ק פר' תצוה איתא דנשים פטורות ע"פ סוד.
2. ביה"ל ד"ה סופר שכן הוא שיטת הרב האי גאון וכ"ה בא"ר סק"ד.

ויהי היום, איין טאג רופט דער איד אן צו מיר. איך ווארט ער זאל אנהייבן רעדן, אבער ער רעדט נישט, נאר הייבט אן וויינען מיט בכיות נוראות און קען נישט קומען צום ווארט. דער איד איז געווען זייער פארביטערט. מען זאל נישט געפרואווט ווערן מיט'ן צער פון די "יושבי חושך", וועלכע זענען אוועקגעריסן פון זייערע נאענטסטע און טייערסטע; מען קען נישט באשרייבן די איינזאמקייט און צער וואס די אידן גייען אריבער. איך האב נישט געהאט מיט וואס אים צו טרייסטן, און איך האב פשוט אנגעהויבן מיטוויינען מיט אים. ווען ער האט זיך בארואיגט אביסל, האב איך אים געזאגט, "זארג זיך נישט, מען וועט ארבעטן דיך ארויסצוזען פון דארט," און דערמיט האט זיך אונזער שמועס געענדיגט.

עס גייט נישט אריבער קיין לאנגע צייט, און דער טעלעפאן קלינגט - מען רופט פון דער "עף-בי-איי" ("פעדעראל ביורא אָוו אינוועסטיגעישאן"), מען וויל איך זאל אראפקומען אינעם אפיס פון דער אגענטור, מען דארף מיט מיר רעדן. מען האט מיר אנגעגעבן אן אדרעס אין ווייט פלעינס, וועסטשעסטער קאונטי, ניו יארק.

אין אנהייב האב איך געטראכט אז איינער מאכט חוזק פון מיר, אבער איך האב באלד געזען אז דער שמועס גייט אין אן ערנסטער ריכטונג, און עס איז נישט קיין חכמות... "אין וואס האנדלט זיך עס?" האב איך געפרעגט נייגעריג. "דאס וועט מען דיר שוין זאגן דארט," האט מען מיר געענטפערט קאלט און שארף. אזויפיל איז מיר געלונגען ארויסצוהערן, אז דאס האט א שייכות מיט מיין פארבינדונג מיט דעם איד וואס זיצט אין תפיסה.

עס האט מיר אנגעכאפט א נערוועזקייט. אין אזא פלאץ איז נישט קיין שפיל וואס מען רעדט ארויס פון מויל. איך האב זיך פארבונדן מיט א היימישן לאיער, ר' מענדל (מארטין) פריעדלענדער, מיט וועמען איך קען זיך גוט, און אים דערציילט וואס עס קומט פאר און געפרעגט צי ער וואלט געקענט מיטקומען און מיר באגלייטן צום "עף-בי-איי" ביורא. אביסל שפעטער האט ער מיר צוריקגערופן מיט אן ענטפער, אז ער וועט קומען מיט מיר און וועט מיטברענגען אויך נאך אן אדוואקאט, מר. מייקעל ראס, וועלכער ספעציאליזירט זיך אין קרימענעלע אנגעלעגנהייטן.

זעענדיג ווי דער לאיער האט עס גענומען אזוי ערנסט, אז ער דארף מיטנעמען נאך א לאיער, האט זיך מיין פחד נאך מער געשטארקט. איך האב זיך גענומען גרייטן אויפ'ן טאג און מתפלל געווען אז אלעס זאל אריבערגיין בשלום אָן שרעק און עגמת נפש.

עס איז געקומען דער באשטימטער טאג, און מיר זענען אהינגעפארן צום "עף-בי-איי" אפיס. מיר זענען אנטפאנגען געווארן דורך א גרופע באאמטע, און מען האט מיך אריינגעפירט אין אן אויספארשונג-צימער. דעם פארהער האט אנגעפירט א שטרענגע פרוי-אפיציר. מען האט אנגעהויבן מיר אויספרעגן וועגן מיין פארבינדונג מיט דעם אידישן ארעסטאנט; פון וואו איך קען זיך מיט אים, וואספארא קשר איך האב

**נא לשמור על קדושת הגליון** - נתפרסם לז"נ **כ"ק הגה"ק האדמו"ר מוויזשניץ זי"ע** שהעיר בתמידות על זהירות בכבוד הספרים וכדומה

**מדור זה נתנדב**

**לזכר נשמת הרבני הנעלה**
**הרה"ח ר' משה ב"ר שרגא פייוויש ז"ל**
**לאנגסאם**

יארצייט ביום י"ב ניסן - יהא זכרו ברוך

הונצח ע"י בנו ידידנו הנדיב הנכבד
**מוה"ר פייוויש לאנגסאם הי"ו**

### אויב מען האט א ספק

**י]** אויב איינער האט א ספק צי ער האט געציילט איין טאג ספירה, מעג ער נאך ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה, ווייל עס איז א דאפלטער ספק: עס קען זיין אז ער האט אינגאנצן נישט פארפעלט צו ציילן, און אפילו אויב ער האט יא פארגעסן, קען זיין אז די הלכה איז אז די זיבן וואכן דארפן נישט זיין קיין גאנצע, און אויב אזוי קען ער נאך מאכן א ברכה. אזוי אויך אויב איינער האט געציילט ספירה, און ער האט געהאט עפעס א ספק אינעם ציילן, וואס די הלכה איז אז ער דארף ציילן נאכאמאל אָן א א ברכה, אבער ער האט נישט געציילט נאכאמאל, קען ער נאך ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה.

**יא]** אויב איינער כאפט זיך אז ער האט דעם פריערדיגן טאג געהאט א טעות און געציילט אן אנדערן טאג ווי מען האט געדארפט, הייסט דאס ווי ער האט בכלל נישט געציילט, און ער קען מער נישט ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה .

### אויב מ'דערמאנט זיך סוף טאג

**יב]** אויב מען דערמאנט ביים זמן "בין השמשות דרבינו תם" אז מען האט נישט געציילט יענעם טאג ספירה, זאל מען ציילן אָן א ברכה.[3]

### א ש"ץ וואס קען נישט ציילן מיט א ברכה

**יג]** איינער וואס האט פארגעסן איין טאג צו ציילן ספירה, און די אנדערע נאכט דארף ער דאוונען פאר'ן עמוד, זענען דא וואס זאגן אז ער זאל בעטן א צווייטן אז ער זאל נישט מאכן קיין ברכה ביים ספירה-ציילן נאר ער זאל אינזין האבן יוצא צו זיין די ברכה פון אים, און דאן קען ער מאכן א ברכה, וויבאלד ער איז יענעם מוציא, אבער אנדערע האלטן אז די עצה העלפט נישט, ווייל אז מען קען נישט מאכן אליין קיין ברכה, קען מען אויך נישט מוציא זיין אנדערע, און למעשה זאל מען פרעגן א שאלה.

### אויב מ'האט מפסיק געווען צו פרעגן דעם טאג

**יד]** אויב מען האט געמאכט די ברכה, און פאר'ן ספירה-ציילן האט מען געפרעגט פון א צווייטן וועלכער טאג פון ספירה עס איז היינט, דארף מען נישט מאכן נאכאמאל א ברכה, ווייל עס איז פונעם ענין פון דער ברכה און בדיעבד הייסט עס נישט קיין הפסק.

### אויב מ'האט געציילט אן אנדערן טאג

**טו]** אויב איינער האט זיך טועה געווען און געציילט אן אנדערן טאג ווי מען דארף, דארף ער איבערציילן דעם ריכטיגן טאג און זאגן "היום וכו'", אבער אויב ער האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור", דארף ער נישט זאגן "היום", נאר זאגן דעם ריכטיגן טאג לעומר.[4]

**טז]** אויב מען האט זיך נישט באלד געכאפט און מען האט מפסיק געווען מיט אנדערע זאכן, דארף מען מאכן נאכאמאל א ברכה, וויבאלד מען האט נישט געציילט ריכטיג און עס איז ווי מען האט אינגאנצן נישט געציילט, און מען זאל זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

**יז]** אויב מ'האט געציילט דעם ריכטיגן טאג, און באלד דערנאך תוך כדי דיבור האט מען געזאגט דעם נישט-ריכטיגן טאג, האט מען יוצא געווען.[5]

### אויב מ'האט זיך טועה געווען מיט די וואכן אדער טעג

**יח]** אויב איינער האט זיך טועה געווען נאר מיט די וואכן, נישט מיט די טעג, אדער נאר מיט די טעג און נישט מיט די וואכן, דארף מען ציילן נאכאמאל אָן א ברכה. בדיעבד, אויב מען האט נישט געציילט נאכאמאל, קען ער נאך ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה.[6]

**יט]** אין יעדן פאל וואס מען האט א ספק און מען דארף ציילן אָן א ברכה, איז גוט אז מען זאל יוצא זיין די ברכה פון א צווייטן, אז מען זאל נישט שאדן האבן די ברכה.

## הלכות פון 'מוריד הטל' און 'ותן ברכה'

### דער ערשטער טאג פון זאגן "מוריד הטל"

**כ]** מען הייבט אן זאגן "מוריד הטל" ביי שמונה עשרה פון מוסף דעם ערשטן טאג פסח. אויב איינער האט בטעות געזאגט "מוריד הגשם" דארף ער איבערדאווענען, אפילו אין ערשטן טאג יום טוב. עס זענען דא וואס זאגן אז אויב מען האט געזאגט "מוריד הגשם" דעם ערשטן טאג ביי מוסף דארף מען נישט איבערדאווענען, ווייל עס זענען דא וואס פירן זיך אזוי לכתחלה צו זאגן "מוריד הגשם" ביז נאך חזרת הש"ץ פון מוסף.

### אויב מ'האט זיך דערמאנט אינמיטן דער ברכה

**כא]** אויב מען האט זיך דערמאנט אינמיטן דער ברכה אז מען האט געזאגט "מוריד הגשם", זאל מען צוריק אנהייבן פון "אתה גבור", אפילו אויב מען האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור".

3. ועי' שו"ת מנח"י ח"ט סי' נ"ז ובפס"ת אות כ"ו, אם יכול לספר שאר הימים בברכה. 4. שועה"ר סכ"ב. 5. כמבואר, דכיון שספר כדין יצא, וכדי דיבור מהני רק לתיקון ולא לקלקול. 6. מ"ב ל"ט, ועיין ביה"ל ד"ה יספור.

המשך

מיט אים, און פארוואס ער רופט מיר יעדע וואך. איך האב אויף אלעם געענטפערט דעם איינפאכן אמת: איך האב קיינמאל פריער נישט געהאט מיט אים קיין שייכות, איך קען אים פון מיינע באזוכן אין תפיסה, און ער רופט מיר יעדע וואך ווייל ער האט געפונען אין מיר אן אפן אויער. איך הער אים אויס און בין אים מחזק אין זיין מצב.

דא האבן די אויספארשער זיך גענומען צום לעצטן טעלעפאן-געשפרעך וואס איך האב געהאט מיט אים, און זיי האבן מיר איבערגעזאגט יעדעס ווארט פונעם שמועס. איך וויל צוגעבן: עס איז באוואוסט פונעם "חפץ חיים", אז פונעם טעלעפאן קען זיך א מענטש לערנען דעם "אוזן שומעת", אז אויבן אין הימל הערט מען יעדעס ווארט וואס מיר זאגן אויף גוטס, און פארקערט. אין דעם פאל דא, האב איך זיך געלערנט פונעם טעלעפאן אז "וכל מעשיך בספר נכתבים", יעדעס ווארט וואס איך האב גערעדט איז געווען אפגעשריבן.

ציטירנדיג די ווערטער וואס איך האב געזאגט פאר דעם איד, אז ער זאל זיך נישט זארגן ווייל מיר וועלן ארבעטן אים ארויסצוזען פון תפיסה, האבן די אויספארשער מיר געפרעגט: "וואס האבן געמיינט די ווערטער? וואספארא פלענער האסטו געהאט אים ארויסצוזען פון טורמע?"

גיי, זיי מסביר פאר געזעץ-באאמטע, אז די ווערטער האבן נישט קיין באזונדערע טיפע כוונות, און איך האב נישט קיין שום פארבינדונגען מיט אונטערערדישע גרופעס וועלכע זאלן ארויסשלעפן מענטשן פון "חד גדיא"...

איך האב מתפלל געווען אין הארצן צום רבוש"ע, אז ער זאל מיר ארייגעבן די ריכטיגע ווערטער צו זאגן פאר די אויספארשער, און דאן האב איך זיך געוואנדן צו דער הויפט-אויספארשערין און איר געזאגט:

"איך וויל אייך עפעס פרעגן: ווען איינעמ'ס מאמע איז ח"ו נישט געזונט און זי געפינט זיך אין שפיטאל וואו מען פרובירט איר היילן, און די דאקטוירים זאגן אז פונעם מעדיצינישן שטאנדפונקט איז מער נישטא פאר איר קיין האפענונג, און די מאמע פרעגט פון די קינדער, 'זאגט מיר, איז נאך דא עפעס א מעגליכקייט אז איך זאל איבערלעבן די קראנקהייט און זיך פרייען ביי דער חתונה פון מיינע קינדער און אייניקלעך, אדער מיינע טעג זענען שוין געציילטע?' - וואס וואלט איר געענטפערט?"

ווי-נאר זי האט געהערט די שאלה, האט די פרוי מיטאמאל געענדערט איר באציאונג צו מיר. די שטרענגע פרוי, וואס האט ביז יעצט ארויסגעוויזן אזויפיל קאלטקייט און נישט קיין שום געפיל, האט מיטאמאל אנגעהויבן וויינען! זי איז שטיל געבליבן פאר עטליכע מינוט, און פון דא האט זיך דער פראצעס שנעל אפגעענדיגט, ווען די אויספארשער האבן געזען אז זיי האבן נישט פאר זיך קיין פארברעכער, נאר פשוט, א איד מיט א ווארעם הארץ, וואס האט געוואלט מחזק זיין אן אנדערן איד וואס זיצט אין טורמע און האט אים געזאגט אז מען וועט

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
**מוה"ר זונדל קעניג הי"ו**
לכבוד זמן חירותינו

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו שיזכה לקבל החג עם כל
השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות

(אנדערע זענען מחמיר אז אויב מען האט נישט אנגעהויבן נאכאמאל די ברכה, האט מען אפילו בדיעבד נישט יוצא געווען).

### אויב מען האט שוין געענדיגט די ברכה

**כב]** אויב מען האט זיך דערמאנט נאכ'ן ענדיגן די ברכה פון "מחי' המתים", זאל מען צוריק אנהייבן פון אנהייב שמונה עשרה, און עס העלפט נישט אז מען הייבט אן פון "אתה גבור", ווייל די ערשטע דריי ברכות פון שמונה עשרה זענען אזוי ווי איין ברכה.

**כג]** אויב מען האט זיך דערמאנט נאך "ברוך אתה ה'" פון "מחי' המתים", זענען דא וואס זאגן אז מען זאל זאגן "למדני חוקיך" און אנהייבן פון "אתה גבור", אבער אנדערע האלטן אז וויבאלד מען האט געזאגט דעם שם, איז עס אזוי ווי מען האט שוין געענדיגט די ברכה און מען זאל צוענדיגן "מחי' המתים" און אנהייבן נאכאמאל שמונה עשרה.

### אויב מען האט נישט געזאגט "הגשם"

**כד]** אויב מען האט געזאגט "משיב הרוח ומוריד" און מען האט זיך תיכף געכאפט, זאל מען צוענדיגן און זאגן "הטל".

### "ותן ברכה"

**כה]** חול המועד הייבט מען אן "ותן ברכה" ביי "ברך עלינו". אויב מען האט פארגעסן און מען האט געזאגט "ותן טל ומטר", און מען דערמאנט זיך ווען מען האלט נאך אינמיטן שמונה עשרה פאר מען האט געזאגט דעם צווייטן "יהיו לרצון" פון "אלקי נצור", זאל מען צוריק אנהייבן פון "ברך עלינו". און אפילו אויב מען האט זיך דערמאנט אינמיטן א ברכה, זאל מען זיך אפשטעלן און צוריקגיין צו "ברך עלינו".

**כו]** אויב מען האט שוין געזאגט דעם צווייטן "יהיו לרצון", אפילו מען האט נאכנישט אויסגעטרעטן, דארף מען צוריק אנהייבן פון אנהייב שמונה עשרה.

### אויב מען האט א ספק

**כז]** אויב איינער האט א ספק צי ער האט געזאגט "מוריד הטל" אדער "ותן ברכה" ביז דרייסיג טעג נאכדעם וואס מען הייבט אן זאגן, דארף ער איבערדאווענען, ווייל מען נעמט אן אז ער האט געזאגט אזוי ווי זיין געוואוינהייט, אבער פון דרייסיג טעג און ווייטער דארף מען נישט איבערדאווענען, ווייל מען איז שוין געוואוינט צו זאגן ווי מען דארף (כאטש עס זענען נישטא קיין ניינציג תפילות אין וועלכע מען זאגט "ותן ברכה").

**כח]** אויב מען ווייסט קלאר אז מען האט געוואלט זאגן "מוריד הטל" אדער "ותן ברכה, און נאך א שטיק צייט איז מען געווארן מסופק צי מען האט עס געזאגט, דארף מען נישט איבערדאווענען, אבער אויב מען איז געווארן מסופק באלד נאכ'ן דאווענען שמונה עשרה דארף מען יא איבערדאווענען.

### אן עצה נישט צו דארפן איבערדאווענען

**כט]** אויב איינער האט געזאגט נייגציג מאל "רב להושיע מוריד הטל", אדער "ואת כל מיני תבואתה לטובה ותן ברכה", דארף ער נישט איבערדאווענען אפילו אויב ער האט א ספק אין די ערשטע דרייסיג טעג. עס זענען דא וואס זאגן אז מען דארף עס זאגן הונדערט און איין מאל, אבער בדיעבד אויב מען האט געזאגט נאר נייגציג מאל דארף מען נישט איבערדאווענען.

### אויב מען דערמאנט זיך ביים זמן פון דער קומענדיגער תפלה

**ל]** אויב מען האט נישט געזאגט ריכטיג און מען דערמאנט זיך ווען עס איז שוין דער זמן פון דער קומענדיגער תפלה, זאל מען דאווענען צוויי מאל שמונה עשרה, וואס די צווייטע שמונה עשרה איז משלים צו זיין די תפלה וואס מען האט נישט געזאגט ריכטיג.

**לא]** אויב מען האט פארגעסן צו זאגן "ותן ברכה" ביי מנחה פון ערב שבת אדער יום טוב און מען דערמאנט זיך ווען עס איז שוין נאכט, זאל מען נישט דאווענען צוויי מאל שמונה עשרה.

### א שליח ציבור וואס האט זיך טועה געווען

**לב]** א שליח ציבור וואס כאפט זיך אז ער האט געזאגט "טל ומטר" ביי דער שטילער שמונה עשרה, דארף ער נישט איבערדאווענען צוליב "טירחא דציבורא", נאר ער קען זיך פארלאזן אויף זיין חזרת הש"ץ (און תיכף נאך חזרת הש"ץ זאל ער זאגן "יהיו לרצון" און אויסטרעטן).

**לג]** א שליח ציבור וואס כאפט זיך נאך שמונה עשרה פון מעריב אז ער האט נישט געזאגט ריכטיג, קען ער ערשט זאגן "קדיש תתקבל" און דערנאך איבערדאווענען.

### אויב מען הערט ווי א צווייטער מאכט א טעות

**לד]** אויב איינער האלט אינמיטן שמונה עשרה און הערט ווי א צווייטער זאגט "ותן טל ומטר", זאל ער אים מרמז זיין אויב מעגליך, און אויב נישט זאל ער אים מודיע זיין נאכ'ן ענדיגן שמונה עשרה.

פרובירן צו טון אלעס וואס מעגליך אז ער זאל שנעל ארויסקומען און זיך פאראייניגן מיט זיין משפחה.

אויפ'ן וועג אהיים פונעם "עף-בי-איי" אפיס, האט דער אנדערער לאיער, מר. ראס, מיר דערציילט, וואס ער האט געהערט פון דער פרוי אליין וואס האט אנגעפירט די אויספארשונג, בעפאר מיר האבן פארלאזט דעם געריכט-זאל. איר מאמע געפינט זיך יעצט אין שפיטאל מיט א שווערער קראנקהייט, און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף איר די האפענונג, זאגנדיג אז מען קען איר נישט היילן. ממש פאר אונזער זיצונג, האט איר מאמע איר געשטעלט די פראגע, צי זי מיינט אז זי וועט זיך נאך ארויסדרייען פון דער קראנקהייט און זיין געזונט, אדער אירע טעג זענען שוין געציילטע. ווען זי האט געהערט פון מיר די שאלה, וואס זי וואלט געענטפערט פאר איינעם וואס פרעגט פינקטליך די זעלבע פראגע, איז זי געווארן גאר שטארק גערירט ביז טרערן, זעענדיג ווי אזוי א איד טראכט אפילו ווען ער אליין איז נישט אין דעם מצב, און ווי ער לעבט אלעמאל מיטצופילן און פארשטיין א צווייטן.

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז אין זכות פון מדת החסד און ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן זאלן מיר שוין זוכה זיין אז ס'זאל מקויים ווערן 'בניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל'.

## פה-סח - בויען עולמות מיט אונזערע ווערטער

מיר האלטן יעצט אינעם יום טוב פסח, א זמן פון "פה-סח", ווען מ'דארף מתקן זיין דעם ענין פון דיבור.

אין א שמועס איבערן געוואלדיגן כח הדיבור וואס מיר האבן, און ווי מיר קענען בויען וועלטן דערמיט, האט הרה"ג ר' אפרים אליהו שפירא שליט"א דערציילט די פאלגענדע מעשה:

דאס האט פאסירט דריי מיט א האלב יאר צוריק. איך בין אריינגעגאנגען צוזאמען מיט מיין משפחה אין א געוויסן פלאץ צו עסן נאכטמאל. מיטאמאל האב איך געהערט קולות. איך האב זיך אויסגעדרייט זען וואס עס האט פאסירט און געזען ווי פיר יונגע מענער, קענטיג וואס קומען פון אן אנדער פלאץ, באפאלן דעם "וועיטער" און שרייען אויף אים און זידלען אים אן. די טענות זענען געווען נישט מי-יודע-וואס; סך-הכל וועגן עפעס א "טאַפּינג" וואס האט געפעלט אינעם סענדוויטש, און אז מען האט זיי אפגעשיקט א הייסע קאווע אנשטאט א קאלטע.

די חברה-לייט האבן אים זייער באליידיגט און פארשעמט. דער וועיטער איז געבליבן שטיל און האט גארנישט געענטפערט, אבער אויף זיין פנים איז געווען קענטיג אז ער איז גאר שטארק געטראפן, און אין זיינע אויגן האבן זיך באוויזן טרערן. ווען איך טראכט צוריק היינט צו-טאגס, וואלט אוודאי געווען די ריכטיגע זאך צוצוגיין און זיך אננעמען פאר אים, אבער איך בין דעמאלט געווען זייער ערשיטערט

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

# ממונם של ישראל

## שו"ת בין אדם לחבירו

### הפצת הגליון נתנדב

לז"נ האי גברא יקירא שייף עייל שייף נפיק, אשר גם בעת מלאכתו לא הסיח דעתו מלהגות בתורה

**הרה"ח ר' חיים ב"ר ברוך אברהם ז"ל לאפפלער**

**נלב"ע א' דפסח תש"פ, תנצב"ה**

**זכינו שלא החסיר מלעיין וללמוד בכל גליון מתחילתו ועד סופו, והעיר הארותיו המחכימות בעין יפה**

הונצח ע"י בנו ידידינו הנדיב המפואר מתומכי המכון בכל עת ועונה

**מוה"ר יצחק לאפפלער הי"ו**

### חסד לב' אנשים אימתי נחשב לשתים

**שאלה: לכ' מערכת הליכות החיים הנכבדה.**

**הנה בשעה שהוצרכתי להתחיל להנהיג קא"ר, רציתי לעשות סגולה לשמירה, וכיון שידוע מצדיקים[1] כי לעשות חסד עם הקא"ר מסוגל לשמירה בדרכים, קבלתי על עצמי בל"נ לעשות בכל יום שני חסדים עם הקא"ר שלי, כלומר, ליתן שני היטשע"ס; והנה באחד הימים אירע שעצרו אותי שני אנשים שביקשו 'היטש' ושניהם למקום אחד, על כן באתי בשאלתי, אם בכגון זה נחשב הדבר שקיימתי את קבלתי לעשות 'שני חסדים' כיון שהיו ב' אנשים, או דכיון שנעשה בפעם אחד, אין זה אלא כמעשה חסד יחידי?**

**תשובה:** אם בשעה שקיבל על עצמו הדבר, אמר שבכל יום יעשה חסד ל'שני אנשים' בוודאי מועיל זה. אמנם, גם אם אמר שיעשה 'שני חסדים' בכל יום, נראה דכיון שמכל מקום הטיב בזה ועזר לשני אנשים, והרי זה שני מצוות, גם כן נחשב שקיים את דיבורו וקבלתו. אבל אם אמר בקבלתו שיעשה חסד 'שני פעמים' בכל יום, באופן זה מסתבר שאין זה נחשב אלא למעשה אחד, כיון שהיה בפעם אחת.

### גודל חשיבות נתינת 'היטש'

ולכללות הענין של נתינת 'היטש' ראוי להתבונן, איך יכולים במצוה קלה כזו לקיים מש"כ והלכת בדרכיו להידבק במדות הקב"ה, כמו שאמרו חז"ל מה הוא גומל חסד אף אתה גומל חסד, וגם מקיימים בזה מצות ואהבת לרעך כמוך ומצות הכנסת אורחים. ואם ה'היטש' הוא לאיש זקן או תלמיד חכם מקיים גם כן מצות והדרת פני זקן. ואם זהו איש ההולך ללמוד תורה או להתפלל, ועל ידי זה שחסך מזמנו בדרך ירוויח ללמוד עוד כמה דקות, או שיוכל להתפלל במתינות יתירה ובכוונה, הרי מקיים בזה מצות תלמוד תורה ומצות תפלה[2]. ואם המבקש 'היטש' נושא משא כבד וקשה הרי מקיים בזה גם מצות עזוב תעזוב עמו[3]. ואף אם אינו יכול להוליכו עד לביתו או מחוז חפצו, מ"מ גם כשמקצר דרכו מקיים בזה מצות גמילות חסדים[4].

**1.** כן מובא (ברית פנחס, ווינד, סי' סג) בשם הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע ובשם הגאון בעל קהלות יעקב זצ"ל (הליכות באל"ח הנז' להלן).
**2.** ובימות החורף כשחוסך ממנו הקור, לפעמים מקיים בזה גם מצות פיקוח נפש לשמור בריאות גופו של חברו. וכשיורד גשם פתאום ואין לו במה להגן על מלבושיו או צרכיו שנושא עמו, לפעמים מקיים בזה גם מצות השבת אבידה להציל ממון חברו מן ההפסד.
**3.** כ"ה דעת הרשב"א בשו"ת ח"א סי' רנא ורנז, ודעת החינוך מצוה תקמ"א, שגם ב'אדם' הרובץ תחת משאו נוהגת מצות 'עזוב תעזוב עמו' וכן 'הקם תקים עמו', קל וחומר מגוף הבהמה. אך בתשובת הרדב"ז סי' תשכח חלק עליהם, ומ"מ גם הוא כתב שיש בזה חיוב מצד ואהבת לרעך כמוך, ולא תעמוד על דם רעך. ועי' בספר 'הליכות בין אדם לחברו' פרק כה, פרטים נוספים.
**4.** [ואיש החסד ר' דניאל גאלדשטיין ע"ה משיכון סקווירא, היה רגיל לומר בצחות 'דור לדור ישבח מעשיך', שהמוליך את הנוסע מ'דאָר' ל'דאָר' (מן הפתח עד לפתחו) מרבה בזה שבחו של מקום, כמ"ש מי כעמך ישראל].

דאס צוזוזען און געבליבן שטיין אויפ'ן ארט, און ביז איך האב זיך צוזאמענגענומען צוצוגיין צו אים, איז שוין געווען לאחר המעשה.

באלד נאך דעם אינצידענט, האט מיין פרוי, וועלכע האט געהאט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ, זיך אנגערופן צו מיר: "אפרים אליהו, לאמיר אויסניצן די געלעגנהייט. האסט געזען ווי ער איז פארשעמט געווארן און האט גארנישט געענטפערט. ווייסט דאך וואס הגאון רבי חיים קאניעווסקי זצ"ל האט געזאגט, אז עס איז א סגולה צו ווערן געבענטשט פון איינעם וועם מען האט אים פארשעמט און ער האט נישט צוריקגעענטפערט. גיי צו און בעט אים א ברכה פאר אונז אלע."

איך בין טאקע צוגעגאנגען און זיך פארגעשטעלט פאר דעם וועיטער, זאגנדיג, "איך הייס אפרים אליהו שפירא. איך בין א רב דא אין שטאט, און איך וויל א ברכה פון אייך." ער האט מיר געענטפערט קאלט, "פארוואס מאכסטו חוזק פון מיר?" אבער איך האב אים ערקלערט אז איך מאך ח"ו נישט קיין שפאס פון אים. איך האב אים דערציילט די ווערטער פון דעם גרויסן גאון רבי חיים זצ"ל, לויט ווי די חז"ל זאגן אונז איבערן גרויסקייט פון דער וואס האלט איין דאס מויל בשעת א קריגערייי וכו'.

דער מענטש האט מיר געגעבן א ברכה, און איך האב געענטפערט א הילכיגן "אמן". דאן איז ער אוועקגעגאנגען, און צען מינוט שפעטער איז ער צוריקגעקומען מיט שטארק-רויטע אויגן, קענטיג האבנדיג זיך אויסגעוויינט. ער האט קוים אפגעכאפט דעם אטעם און זיך אנגערופן צו מיר, "וואלט דער רב אפשר געקענט אויסהערן די געשיכטע וואס איך האב צו דערציילן?" איך האב אים געענטפערט, "אוודאי יא." האט ער אנגעהויבן מיר דערציילן, ווי ער איז אויפגעצויגן געווארן אלס קליין קינד מיט א פיינעם ערליכן חינוך און האט אפילו געלערנט חומש מיט משניות, נאר שפעטער האט ער ליידער אנגעהויבן פארקריכן אויפ'ן נישט-גוטן וועג.

"איך בין יעצט צוויי-און-צוואנציג יאר אלט," האט ער געזאגט. "אין די פארגאנגענע יארן, האב איך ליידער גארנישט געהיטן. איך האב חתונה געהאט מיט א אידיש מיידל, אויך נישט קיין פרומע. יעצט, ווען דער רב האט זיכער געמאכט צוצוקומען צו מיר בשעת מען האט מיך פארשעמט און גאר געבעטן פון מיר א ברכה, בין איך געווארן זייער גערירט דערפון, און כ'האב באשלאסן צוריקצוקומען צום ערליכן וועג."

הרב שפירא דערציילט: איך האב אים מחזק געווען און אנגעהויבן אים מקרב זיין און אים צוגעשטעלט א חברותא צו לערנען מיט אים. שפעטער איז ארויף קיין ארץ ישראל לערנען אין א ישיבה פאר בעלי-תשובה, און ער איז דארט שטארק געשטיגן און מצליח געווען. אויך זיין פרוי איז צוריקגעקומען צום גוטן וועג. שפעטער האבן זיי געהאט א קינד און זיי האבן מיר גערופן צום ברית, זאגנדיג אז נאר צוליב מיר זענען זיי געווארן ערליך און צוריקגעקומען צום דרך הישר. היינט צו-טאגס וואוינען זיי אין דער זעלבער שטאט ווי איך און זענען פון די חשוב'סטע בעלי-בתים דארט.

די מעשה איז פאר אונז א מוסר השכל. ווען איך וואלט נישט צוגעגאנגען צו דעם וועיטער דעמאלט און געבעטן א ברכה, וואו וואלט ער געווען היינט און ווי אזוי וואלטן זיינע קינדער אויסגעזען? וואספארא חינוך וואלטן זיי באקומען? ווער ווייסט וויפיל מענטשן איך האב באגעגנט אין לעבן און זיי געקענט זאגן א גוט ווארט און געבן א גוט געפיל. וויפיל בעסערע אידן וואלטן געקענט ארויסקומען!

איך האב דאן פארשטאנען די ווערטער פונעם תנא אלקי רבן שמעון בר יוחאי אינעם זוהר הקדוש, אז פונקט ווי דער מצורע ברענגט א פויגל אלס כפרה אויפ'ן לשון הרע וואס ער האט גערעדט, אזוי אויך דארף מען א תשובה אויף א גוט ווארט וואס מען האט געקענט זאגן פאר אן אנדערן און נישט געזאגט. פארוואס? ווייל מיט'ן נישט זאגן און זיך נישט באציען צו א צווייטן, קען מען פארלירן עולמות. אבער אז מען מאכט זיך וויסנדיג פון אן אנדערן איד און מען איז אים מחי', קען מען דערמיט בויען אים און זיין משפחה, ראטעווען דורות און בויען גאנצע עולמות.

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170